# חינוך געדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

מגן ומושיע

צו פארמיידן און צו העלפן בענייני חינוך • To prevent and to help

פרשת תרומה
ל' שבט תשע"ד
ראש חודש אדר א'

גליון י"ח


# שטראפן מיט א ציל

א יונגערמאן האט מיר אנגערופן מיט עטליכע וואכן צוריק מיט א פראבלעם. ווען איך האב אויפגעהויבן דעם טעלעפאן האב איך שוין באמערקט אויף זיין שטימע אז ער איז זייער צוטרייסלט. ער האט אנגעהויבן דערציילן אז ער האט אן אכצן יעריגע טאכטער וואס איז שוין א צוועלפטע קלאס מיידל. צום באדויערן איז דער יחס צווישן דאס קינד און אירע עלטערן נישט אויפ'ן בעסטן פארנעם. עס זענען כסדר דא מיספארשטענדענישן און מילדע אמפערייען.

איין געוויסע זאך וואס באדערט זייער שטארק פאר זיין ווייב, דערציילט מיר דער יונגערמאן ווייטער, איז אז יעדע נאכט רעדט זיין טאכטער ביז שפעט אויפ'ן טעלעפאן. זי קען פארברענגען מיט די חבר'טעס שעות ארוכות, אפטמאל ביז עלף-צוועלף אזייגער ביינאכט. די מאמע ווערט זייער אנגעשטרענגט פון הערן איר קינד אזויפיל רעדן אויפ'ן טעלעפאן, און זי שפירט אז זי באקומט נישט איר ערליך פארדינטע מנוחה נאך א טאג שווערע ארבעט אין שטוב. וויפיל מאל די עלטערן האבן גערעדט צום קינד און איר ערקלערט אז זי קען נישט זיין אויפ'ן טעלעפאן ביז אזוי שפעט האט דאס גארנישט געהאלפן.

איין נאכט ווען די טאכטער האט פארברענגט אויפ'ן טעלעפאן ביז גאר שפעט האט דער טאטע אפגעמאכט אז גענוג איז גענוג, פון היינט און ווייטער וועט ער דאס מער נישט צולאזן. ער האט געגעבן א זאג פאר זיין טאכטער קלאר און דייטליך אז מארגן לאזט ער בשום אופן נישט נוצן דעם טעלעפאן נאך צען אזייגער ביינאכט, אפילו אויב א חבר'טע רופט אריין. מען מוז איינשטעלן סדר און אנהייבן גיין שלאפן פריער אין שטוב.

די נעקסטע נאכט האט די טאכטער ווייטער גערעדט אויפ'ן טעלעפאן. עס קומט צען אזייגער, און כאילו לא היה. זי רירט זיך נישט פון ארט און פארברענגט ווייטער געשמאק. דער יונגערמאן איז געווארן זייער בייז, און ער איז אויפ'ן פלאץ צוגעגאנגען צום וואנט און אויסגעשאלטערט דעם טעלעפאן ווייער. דאס מיידל האט אין אנהויב נישט באמערקט וואס עס איז פארגעקומען, אבער נאך עטליכע סעקונדעס האט זי זיך געכאפט אז זי רעדט צו א וואנט. זי האט געכאפט ווער עס איז שולדיג דערין, און זי איז אריין אין א כעס און גערעדט זייער חוצפה'דיג צו אירע עלטערן.

דער טאטע איז געווארן אויס מענטש פון דעם וואס זיין טאכטער האט גערעדט מיט אזא חוצפה צו אים, און יעצט האט ער מיר אנגערופן, אינגאנצן פארלוירן, וועלנדיג פארשטיין פארוואס זיין טאכטער איז אזוי סענסיטיוו אז פון אזא קלייניקייט איז זי ארויס פון די כלים. ער איז געווען זיכער אז זי האט עפעס אן ערנסטער פראבלעם, אפשר גאר א מעדיצינישער דיסארדער.

דא איז נישט דער פלאץ צו אריינגיין אין דער גענויער וועג ווי אזוי איך האב באהאנדלט דעם קעיס, אבער וואס איז נוגע פאר אונזער שמועס, איז ווי אזוי מיר קענען זיך אפלערנען פון די מעשה און זען וואס עס איז געטון געווארן נישט ריכטיג, וואס א דאנק דעם איז געשען אז אנשטאט עס זאל ארויסקומען א תכלית פון דעם קנס האט דאס ארויסגעברענגט א שנאה און א כעס און פארערגערט די באציאונגען צווישן דעם טאטן מיט'ן קינד.

**ערשטער פראבלעם:**

דער טאטע האט טאקע געזאגט איין מאל פאר דאס מיידל אז מארגן נאך צען אזייגער טאר מען נישט רעדן אויפ'ן טעלעפאן, ער האט אבער נישט צוגעלייגט אז אויב זי וועט נישט פאלגן וועט ער אפהאקן דעם טעלעפאן. אין אזא פאל קען מען נישט גלייך געבן אן עונש. עס איז מעגליך אז זי האט נישט געכאפט ווי ערנסט ער מיינט עס. מען דארף זיכער מאכן אז דאס קינד פארשטייט די עולה וואס ער/זי האט געטון. צום ביישפיל, אויב א טאטע האט געהייסן דעם קינד אריינברענגען א טעלער זופ, און ער האט עס אריינגעברענגט האלטנדיג אויף איין האנט, און עס איז אראפגעפאלן און האט זיך אויסגעגאסן אויפ'ן טאטן. אין אזא פאל דארף מען אים אפשר מעורר זיין אז ער דארף האבן מער אחריות צו האלטן א הייסער טעלער זופ מיט צוויי הענט און זיכער מאכן אז עס גיסט זיך נישט אויס, אבער מען קען אים נישט מעניש זיין פאר'ן אנגיסן דעם טאטן מיט זופ. איידער מען איז מעניש מוז דאס קינד פארשטיין אז וואס ער האט געטון איז אן עולה און אז ער האט געוואוסט אז ער וועט באשטראפט ווערן דערויף. אז דער טאטע


**איידער מען איז מעניש מוז דאס קינד פארשטיין אז וואס ער האט געטון איז אן עולה און אז ער האט געוואוסט אז ער וועט באשטראפט ווערן דערויף**


המשך אויף צד ב'

המשך פון צד א'

האט געהייסן איינמאל און דאס קינד האט נישט געפאלגט קומט זיך נאכנישט אזא גרויסע עונש.

איך האב אמאל געהאט אן עקסטרעמע מעשה וואס ווייזט ווי אמאל פארשטייט בכלל נישט דאס קינד אז ער האט געטון אן עולה. א טאטע האט מיר אמאל אנגערופן מיט ווייטאג אז זיין יונגל, וועלכער האט דעמאלט געלערנט ביי מיר אין כיתה, האט אנגערופן זיין מאמען, 'א קלינינג לעידי'. איך האב געוואוסט אז דאס קינד איז געוועגליך וואויל, האב איך געכאפט א שמועס מיט אים, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט עפעס אויסגעגאסן, און זיין מאמע האט אים געהייסן אז ער זאל עס אליין אפווישן, זאגנדיג, "איך בין עפעס א קלינינג לעידי?" און דאס קינד האט מיט תמימות גענטפערט, "יא!" עס איז אים אפילו נישט איינגעפאלן אז עס איז עפעס א פראבלעם מיט אזא ענטפער, "מיין מאמע קלינט א גאנצן טאג," זאגט ער מיר, "זי איז אונזער קלינינג לעידי."

**צווייטער פראבלעם:**

דער טאטע האט אליין געזאגט אז ער האט א שוואכער קשר מיט'ן קינד. אין אזא פאל דארף מען צוויי מאל איבערטראכטן אויב עס לוינט זיך צו שטראפן יעצט אדער עס איז יצא שכרו בהפסדו. יעדן מאל איידער מען שטראפט א קינד דארף מען אריינטראכטן אין וואספארא מצב ער געפינט זיך, ווייל אויב דאס קינד האט א פראבלעם וואס טוט אים וויי קען מען צומאל עס פארערגערן מיט'ן שטראפן אויף די יעצטיגע עולה. מען דערציילט אז א יונגערמאן איז אמאל געקומען צום חתם סופר זיך צו פארהערן די הוראה, און דער חתם סופר האט אים געגעבן א הינדל און געפרעגט אויב ער ווייסט וואו די פלאץ פון די מרה איז, ווייל די הלכה איז אז אויב מען טרעפט נישט די מרה דארף מען לעקן דאס פלאץ צו זען אויב עס איז ביטער. דער יונגערמאן האט געקענט אלע הלכות וועגן א מרה, אבער ער האט נישט געוואוסט וואו מען דארף עס טרעפן אין א הינדל, האט דער חתם סופר זיך אויסגעדריקט בדרך צחות, אז מען ווייסט נישט וואו עס איז 'ביטער' קען נישט פסק'ענען שאלות. דהיינו, א דיין דארף אפשאצן יעדן מצב און פארשטיין ווען עס פעלט זיך אויס צו פארנייגן אביסל פון דעם חומר הדין.

**דריטער פראבלעם:**

דער טאטע האט מעניש געווען דאס קינד אינמיטן דעם סאמע ברען פון די עולה, בשעת ער איז געווען זייער אויפגערעגט - און מיט רעכט – אז דאס קינד פייפט אים אן. אבער פאר חינוך איז גאר שעדליך ווען מען איז מעניש בשעת מען איז אין כעס. בא לכלל כעס, בא לכלל טעות. ווען מען ווערט געטריבן פון די אייגענע געפילן קען מען געבן אן עונש וואס איז נישט פאסיג וואס קומט ארויס מיט א שנאה צום קינד ח"ו.

אין אזא פאל וואלט געווען די בעסטע בכלל נישט צו מעניש זיין אויפ'ן פלאץ, ווייל דאס ווייזט אויף פארלוירנקייט. דער טאטע וואלט געקענט צוואווארטן ביז זי לייגט אראפ דעם טעלעפאן, אדער אפילו ווארטן אויף דעם מארגנדיגן טאג, ווען די כעס איז שוין אינגאנצן אויסגעוועפט, און דערנאך גיבן א פאסיגע קנס. צום ביישפיל, קעגן יעדע מינוט וואס זי האט גערעדט אויפ'ן טעלעפאן נאך צען אזייגער וועט מען איר אראפרעכענען איין מינוט פון דעם נעקסטן טאג און זי וועט מוזן אראפלייגן דעם טעלעפאן פריער. אזוי באקומט דאס קינד דעם ריכטיגן מעסעדזש אז זי האט געטון אן אומאויסגעהאלטענע זאך און זי פארשטייט אז מען זוכט איר נישט סתם צו בא'עולה'ן.

**סיכום:**

ווען מען וויל מעניש זיין דאס קינד אויף אן אופן וואס עס זאל ארויסקומען א תכלית דארף מען גדעדנקען דריי זאכן:

א: איבערטראכטן ווי גרויס די עולה איז.

ב: אריינטראכטן אין דעם מצב פון דאס קינד.

ג: צוואווארטן ביז מען איז נישט בכעס.

צדיקים האבן געטייטשט, "מוסר ה', בני, אל תמאס", בשעת דו זאגסט מוסר פאר דיין זון, זאג אים, דו ביסט מיין קינד, אזוי וועט ער זיך נישט פאר'מיאוס'ן אין די מוסר און ער וועט פארשטיין אז די מוסר קומט פון אהבה צו אים. דעם גדעדנק זעט מען אויך די וואך אין די סדרה, וואו עס שטייט אז די כרובים זענען געווען אין די צורה פון צוויי קינדער וועלכע האבן געהאט צוויי פליגלען. און עס שטייט אין ספרים אז די צוויי פליגלען זענען קעגן יראה און אהבה, צו מרמז זיין אז ווען מען דארף מעניש זיין א קינד דארף עס זיין אויף אן אופן פון יראה אויסגעמישט מיט ליבשאפט, שמאל דוחה וימין מקרבת. אויף דעם וועג קען מען ערררייכן דעם ריכטיגן תכלית וואס מען צילט מיט דעם עונש.









**מנדב צו זיין "חינוך געדאנקען" לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע**
**רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**

**צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך email שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**